ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי



**פרקי אבות פרק ו**
**פ' במדבר**
**לקראת הקייץ**
**עניני משיח**


## פרק שישי

אין זעקסטן פרק פון אבות שטייט: אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף כו'.

דארף מען פארשטיין:

וואס מיינט "עלבונה של תורה"? לכאורה, אויב איינער איז ניט עוסק אין תורה אין דער צייט ווען ער קאן יא לערנען, ווייזט ער אויף זיין אייגענע נידעריקייט. ער האט ניט גענוג שכל אפצושאצן די מעלה פון תורה. דאס איז ניט קיין עלבון פאר דער תורה, נאר אן עלבון פאר דעם מענטשן וואס לערנט ניט.

אויך איז ניט פארשטאנדיק: דער לשון "*עוסק*" בתורה. תורה דארף מען *לערנען*, וואלט דאך געפאסט בעסער דער לשון "*לומד* תורה".

דער ענטפער איז:

ר' יהושע בן לוי רעדט דא וועגן אזא וואס לערנען, לערנט ער, יומם ולילה, נאר ער איז זיך ניט *עוסק* בתורה. די גמרא זאגט: זבון וזבין תגרא איקרי? (דער וואס פארקויפט פאר דער זעלבער פרייז מיט וועלכער ער האט געקויפט און ער פארדינט גארניט דערביי, ווערט ניט אנגערופן קיין סוחר). די זאך פון עסק איז צו ליגן אין דעם און געפינען וועגן פון פארדינען מער.

דאס זעלבע איז ביי לערנען תורה, ער לערנט טאקע תורה און ער לערנט מיט אנדערע, אבער ער טוט עס אן חיות. ער פילט ניט אז ס'איז דערפון פאראן "ריוח" און "פרנסה".

ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד (דורך תורה ווערט א איד פארבונדען מיט'ן אויבערשטן). אבער ער פילט דאס ניט. ער איז ניט א בעל עסק וואס טוט די ארבעט אין זיין געשעפט מיט

לעבעדיקייט, נאר ווי אן ארבעטער, וואס טוט זיין ארבעט בלויז ווייל ער מוז איר אפטאן.

אויף דעם גייט ארויס אלע טאג א בת קול פון הר חורב און רופט אויס: "אוי להם לבריות *מעלבונה* של תורה". דא רעדט זיך וועגן א מענטש וואס לערנט תורה יומם ולילה, איז קען מען ניט זאגן אויף אזא מענטש אז ער איז נידעריג ווייל ער פארשטייט ניט אז מען דארף לערנען תורה. ער לערנט דאך תורה. נאר מעלבונה של תורה. ווי איז צו די וואס לערנען תורה אבער זיי פארשעמען איר. זיי שאצן ניט אפ איר מעלה און איר גרויסקייט.

(לקו"ש ח"ד ע' 1228)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת במדבר

### במדבר (א)

די ערשטע מצוה פון ספר במדבר איז: שאו את ראש כל עדת בני ישראל (אז מען זאל ציילן אידן). דערפאר ווערט גאנץ ספר במדבר אנגערופן אין דער גמרא "חומש הפקודים".

בשעת מען ציילט זיינען אלע גלייך. דער גרעסטער מענטש איז ניט מער ווי איינער, און דער קלענסטער מענטש איז ניט ווייניקער ווי איינער. ווען מען האט געציילט די אידן האט מען זיי אלע געציילט פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן.

צוליב דעם טעם לייענט מען אלעמאל פרשת במדבר פאר שבועות. דער געדאנק אז אלע זיינען גלייך, אין דעם באשטייט די הכנה צו קבלת התורה. ביי קבלת התורה זיינען אויך אלע געווען גלייך, ווי חז"ל זאגן אז אויב ביי הר סיני וואלט געפעלט איין איד פון די 600,000 וואלט די תורה ח"ו ניט געגעבן געווארן אפילו ניט צו משה רבינו.

די הכנה און כלי צו מתן תורה איז שלום און אחדות, ווי רש"י זאגט אויפ'ן פסוק "ויחן שם ישראל נגד ההר" (אז זיי האבן גערוהט דארטן אנטקעגן דעם בארג) אז עס איז געווען "כאיש אחד בלב אחד" - ווי איין מענטש מיט איין ווילן צו באקומען די תורה.

אין ילקוט שמעוני שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט: די תורה איז אינגאנצן שלום, איז צו וועמען זאל איך איר געבן? צו א פאלק וואס גלייכט שלום.

דער שלום און אחדות וועלכע איז א צוגרייטונג צו מתן תורה, דארף זיין אין עניני תורה ומצוות, ווי דער פסוק זאגט "ויחן שם ישראל" (לשון יחיד) פאר וועלכן צוועק? "נגד ההר", וואס דער ענין פון הר סיני איז תורה ומצוות.

דעמאלסט קענען מיר זיין פארזיכערט אז בתוך כלל ישראל וועלן מיר אלע זוכה זיין - ווי דער לשון פון דעם רבי'ן דעם שווער - צו "קבלת התורה בשמחה ובפנימיות".

(לקו"ש ח"ב ע' 293)

### במדבר (ב)

אין פרשת במדבר האט דער אויבערשטער געהייסן משה רבינו אז מען זאל ציילן אידן. מען האט געציילט יעדן אידן וועלכער איז א "יוצא צבא" - א סאלדאט - אן אונטערשייד פון וועלכן שבט ער קומט. ווען מען ווערט א "יוצא צבא", דארף מען באווייזן א ביישפיל, א מוסטער, אז מ'איז דעם אויבערשטענ'ס "סאלדזשערס". עס איז ניט קיין חילוק ווי גרויס מען איז אין תורה און מצות, אדער פון וועלכן שבט מען שטאמט. וויבאלד מען איז א קינד פון אברהם, יצחק און יעקב איז מען ניט ווייניקער ווי איינער פונקט ווי מען איז ניט מער

ווי איינער.

א איד דארף דורכפירן די שליחות וואס דער אויבערשטער האט געגעבן צבאות ה'. דער אויבערשטער באציט זיך מיט ליבשאפט צו יעדן אידן, פון קליין ביז גרויס, און גיט עם די כחות און די מעגליכקייטן און די ברכות, אויף קענען דורכפירן די שליחות און טאן דאס בשמחה - פריילעכערהייט.

דאס איז דער ערשטער אפלערנונג פון פרשת במדבר. מען דארף זיך באציען מיט'ן גרעסטן כבוד צום קלענסטן אידן פונקט ווי מען באציט זיך צום גרעסטן אידן. ווארום עס רעדט זיך וועגן א איד, וואס האט א שליחות אז ער און זיין פאמיליע זאלן לעבן אין א וועג, אז יעדער וואס וועט א קוק טאן אויף עם וועט גלייך זען אז דאס איז איינער וואס דער אויבערשטער האט עם גע"דרעפטעד" - אריינגענומען אין זיין ארמיי - אויף מאכן די וועלט א גוטע וועלט, א ריכטיגע וועלט, א רוחניות'דיגע וועלט, ביז מ'וועט מאכן די וועלט פאר א הייליגע וועלט.

מען זעט דעם אויבערשטענ'ס ברכה ווען אידן זיינען פארבונדן מיט'ן אויבערשטן דורך אויפפירן זיך לויט זיין תורה. אלע אידן מבן עשרים שנה ומעלה זיינען געווען - "יוצא צבא בישראל". לויט אלע געזעצן פון נאטור קען ניט זיין, אז צווישען העכער זעקס הונדערט טויזענט מענטשן וואס זיינען צוואנציג יאר אלט, זאלן ניט זיין ווייניקסטענס עטלעכע וועלכע זיינען ניט גענוג שטארק און געזונט צו קענען זיין אין ארמיי און גיין אין מלחמה.

איז די ערקלערונג דערפון, ווען אידן פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל, זיינען זיי אינגאנצן ניט אונטערגעווארפן די געזעצן פון נאטור.

(לקוטי שיחות ח"ח ע' 219)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## לקראת הקייץ

(א גאנץ יאר לערנען תלמידים אין ישיבה, אבער זומער צייט פארט מען אין קאנטרי און קעמפס, און מען האט דארטן די געלעגנהייט צו משפיע זיין אויף דער סביבה. דאס זעלבע איז מיט די וועלכע בלייבן אין דעי קעמפ, טרעפן זיי זיך מיט אנדערע קינדער).

יעדער איד אין וועלכן ארט ער זאל זיך ניט געפינען - וואס וואו נאר א איד קומט, איז דאך מה' מצעדי גבר כוננו - איז ער א שליח פון אויבערשטן צו מאכן פון דעם ארט ארץ ישראל [א "אידישע" שטיקל ערד און א אידישע סביבה]. ובפרט אז ער זעט ווי כמה וכמה פון זיינע חברים האבן מצליח געווען אין דער דאזיקער שליחות.

קומט אבער דער יצר הרע און טענה'ט מיט עם אז ביי עם זיינען פאראן ספעציעלע שוועריקייטן, ובמילא קען ער ניט ברייננגען א ראי' פון זיינע חברים וועלכע האבן מצליח געווען אין זייער שליחות. אזוי ווי דער יצר הרע איז דאך אן אומן במלאכתו (אן עקספערט אין זיין ארבעט), געפינט ער פאר יעדן איינעם, טענות וועלכע זיינען צוגעפאסט צו עם.

מיט איינעם טענה'ט ער אז די סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך איז ערגער פון אלע אנדערע - "עז העם היושב בארץ וגו'." (דער ארום איז שטארקער פאר עם).

צו א צווייטן זאגט ער אז ער איז ניט ראוי צו אזא הייליגע ארבעט.

צו א דריטן קומט ער מיט א טענה: אז ביז ער וועט צוקומען צו די שליחות אליין, געפינען זיך אויפ'ן וועג זייטיגע מניעות, וועלכע לאזן ניט מאכן דעם ארט פאר א מקום תורה.

אויף דעם קומט די הוראה פון אונזער פרשה [פ' שלח]. כלב האט געזאגט די אידן וועגן משה רבינו: קרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו (משה רבינו האט פאר אונז געשפאלטן דעם ים, און געגעבן דעם מן און דעם שליו). מיט דעם האט ער אפגעשלאגן די טענות פון די מרגלים ניט צו גיין אין ארץ ישראל. מיט דאס זעלבע ווערט אויך אפגעשלאגן די טענות פון דעם יצר הרע, ניט צו מאכן פון יעדן ארט, א ארץ ישראל. אז אפילו אין אזעלכע פאלן גיט אלע מאל דער אויבערשטער דעם כח צו דורכברעכן אלע שוועריקייטן און אויספירן זיין שליחות.

(לקו"ש ח"ח ע' 91)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## עניני משיח

---

עס זיינען דא אזעלכע וואס פרעגן: ווי רעדט מען דאס וועגן משיח מיט קינדער?! משיח איז דאך א געהויבענע זאך, ביז אז משיח איז דער מבחר פון מין האנושי, מיט אלע מעלות - איז ווי לאזט מען אראפ אזא געהויבענע זאך צו א קינד, און מ'פארבינדט דעם ענין מיט פרייזען און מיט צאצקעס וכו'?!

איז דער ביאור אויף דעם:

די גאנצע תורה איז דאך געגעבן געווארן צו יעדער איד, און אויך צו א קינד, ווארום "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב".

דאס הייסט אז מ'דארף מחנך זיין א קינד אין אלע ענינים פון תורה ומצוותיה, אודאי געוויס בנוגע צו עיקרי האמונה, וואס עיקרי האמונה זיינען דאך י"ג עיקרים, איז איינע פון זיי - דער עיקר אז "אחכה לו בכל יום שיבוא" (איך וועל פאר אים ווארטען יעדן טאג, ער זאל קומען), וואס דאס איז דער ענין פון ביאת המשיח.

און אויב מ'לערנט דאס ניט מיט'ן קינד, איז דאס היפך אן עיקר אין אמונה, היפך התורה!

ער טענה'ט אבער נאך אלץ:

היתכן צו נעמען אזא געהויבענע זאך ווי משיח, און עס פארבינדן מיט פרייזען, צאצקעס, און צוקערקעס, מיט אזעלכע ענינים פשוטים?!

איז דער ביאור בזה:

דער רמב"ם שרייבט אין פירוש המשניות, אז דער חינוך פון א קינד דארף זיין אין אן אופן, אז פריער הויבט מען אים אן מחנך זיין דורך געבן אים ענינים וואס זיינען שייך צו אים, צוקערקעס, כבוד המדומה , ואז"וו.

וואס דאס איז דער ענין פון "מתוך שלא לשמה בא לשמה", דאס הייסט אז אנהויבן דארף מען מיט "שלא לשמה", מיט ענינים פשוטים.

און כאטש אז מען דארף לערנען תורה לשמה, וואס אפילו דער ענין פון גן עדן און עולם הבא איז נאך אלץ שלא לשמה, ווארום עס דארף זיין אינגאנצן "שלא על מנת לקבל פרס" - איז אבער דערווייל, כל זמן ער האלט נאך ניט בא דעם לשמה, דארף מען אים מחנך זיין מיט ענינים וואס זיינען שייך צו אים, צי דאס איז פרייזען, אדער געלט, אדער א צוקערקע ואז"וו.

וואס דערפאר רעדט מען אז מ'זאל מסביר זיין די קינדער דעם ענין פון משיח, און זיי אויך

מסביר זיין אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיי האבן א סאך צוקערקעס אאז"וו, וואס דוקא דערמיט קען מען אויף זיי אויפטאן.

וויבאלד אז דער רמב"ם שרייבט אז בשעת משיח וועט קומען וועלן מעדנים זיין "מצויין כעפר" - איז פארשטאנדיק, אז דער אמת איז אזוי, איז ווען מען זאגט א קינד אז ווען משיח וועט קומען וועלן זיין א סאך צוקערקעס, איז עס ניט נאר וואס אזוי זאגט מען אים - נאר אזוי איז דאס טאקע באמת (ס'איז מערניט וואס מ'וועט דעמולט ניט ליגן אין דעם).

און דער אופן החינוך, כדי אז ביי דעם קינד זאל זיין דער "אחכה לו", ער זאל שרייען אז ער וויל האבן משיח'ן - דארף זיין מיט א צוקערקע, און מיט פרייזען אאז"וו, ווארום צו די ענינים האט דער קינד א שייכות, משא"כ צו געהויבענע זאכן.

און וויבאלד אז דאס איז א שליחות פון נשיא דורנו - דארף ער ארויסגיין און זעהן אז יעדער קינד פון דעם דור זאל מקיים זיין תורה און מצוות, און שרייען אז ער וויל משיח'ן.

(משיחת ש"פ תרומה תשמ"א)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"